ניו יארק סטעיט

# עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם

## אינפארמאציע פאר בעל־הבית און אייגנטימער - דאקומענט ׳טשעקליסט׳

דער ניו יארק סטעיט ׳עמערדזשענסי רענט הילף פראגראם׳ (Emergency Rental Assistance Program, ERAP) העלפט בארעכטיגטע הויזגעזינדער וואס זענען אונטערשטעליג אויף רענט און וואס האבן מיטגעמאכט פינאנציעלע שוועריגקייטן צוליב קאוויד־19, און זענען איינגעשטעלט אויף היימלאזיגקייט אדער אומסטאבילע וואוינונגס אומשטענדן.

**וועןמען ווענדט זיך פאר הילף דארפן די לענדלארדס און אייגנטימער צושטעלן:**

- **9W טעקס פארם** דורך ארייִנ׳טייפ׳ן די אינפארמאציע אין דער אייגנטימער אקאונט אויף דער ERAP פארטעל.
- **א ליעס אין קראפט** מיט דעם טענאנט אפליקאנט, אדער אויב עס איז נישט דא קיין געשריבענע ליעס, א געקענסעלטע טשעק, א געלט טרענספער באווייז, אדער אן אנדערע באווייז פון דער לעצטע מאל די פולע חודש׳ליכע רענט איז געצאלט געווארן. אפלאָוד׳עט ליעס בלעטער זאלן האבן וויינינגסטנס דער דירה אדרעס, טענאנטן אויף דער ליעס, חודש׳ליכע רענט, און אן אונטערשריפט בלאט.
- **באווייז דאקומענטן פון די רענט סומעס שולדיג** דורך דער טענאנט דורך אפלאוד׳ען א חודש׳ליכע רענט קאנפירמעישן פארם אדער א חשבון בוך וועלכע אידענטיפיצירט די חודש׳ליכע רענט סומע לויט׳ן חודש. שטעלט נישט אריין קיין נישט-רענט סומעס ווי צ.ב.ש. שפעט אפצאל אדער פארקינג קאסטן.
- **באנק אינפארמאציע** דורך ארייִנ׳טייפ׳ן דירעקט דעפּאָזיט אינפארמאציע אין דעם אייגנטימער אקאונט אויף דעם ERAP פאָרטעל.
- אויב איז אנווענדלעך, אן אייגנטימער אפידעיוויט אדער אונטערגעשריבענער אפמאך וועלכע דעזיגנירט דעם אייגנשאפט פארוואלטונג קאָמפּאַני / אגענט אלס אויטאריזירטער באקומער פון ERAP געלטער.

דער פארמעגן אייגנטימער אדער אן אויטאריזירטע פארוואלטונג קאָמפּאַני וועט מוזן אונטערשרייבן דעם אפליקאציע און באשטעטיגן אז די איינגעגעבענע אינפארמאציע, אריינגערעכנט די סכום אונטערשטעליגע רענט, איז גענוי און ריכטיג, און דופליצירט נישט קיין צאלונג באקומען פון אן אנדערן פראגראם.

דער פארמעגן אייגנטימער אדער די אויטאריזירטע פארוואלטונג קאָמפּאַני מוז אויך צושטימען צו די פאלגענדע תנאים אויף צו קענען אננעמען אונטערשטעליגע רענט צאלונגען:

- דער ERAP צאלונג דארף באפרידיגן דעם טענאַנט׳ס פולע רענט חובות פאר דעם גאנצע טערמין געדעקט דורך דער צאלונג.
- מוותר זיין אויף שפעט־אפצאל אויף אלע אונטערשטעליגע רענט חובות וואס ווערן געדעקט דורך דער ERAP צאלונג.
- נישט העכערן די חודש׳ליכע רענט פאר די חדשים וואס מען באקומט רענט הילף און פאר איין יאר נאכ׳ן באקומען דער ERAP צאלונג העכער די סכום איינגעגעבן אין דעם אפליקאציע.
- נישט ארויסשטעלן דעם הויזגעזינד פאר וועמען דער ERAP וועט באצאלט ווערן צוליב אן אויסגעלאפענע ליעס אדער אן איבערגעהאלטענער טענאנט אויף איין יאר נאכ׳ן באקומען דער ERAP צאלונג. אן אויסנאם צו דער באדינג וועט געמאכט ווערן אויב דער הויז פארמאגט פיר אדער ווייניגער דירות, און דער אייגנטימער אדער דער אייגנטימער׳ס פאמיליע האבן בדעה תיכף צו פארנעמען דער דירה אויף צו ניצן פאר זיך פאר א הויפט וואוינונג.